Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 190 | Łódź, Poniedziałek, 15 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, יג מנחם אב תרצ״ב | № 190

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# געעפנט די יודישע וועלט-קאנפערענץ

## „קוזא איז נישט רומעניע, און היטלער — נישט דאס לעצטע ווארט פון דייטשן פאלק!", זאגט סטיפען וויין

ג ע נ ף, 14 (י.ט.א. טעלעגראפיש.

היינט 3 נאכמיטאג איז דא געעפנט געווארען די יודישע וועלט-קאנפערענץ, צו וועלכער עס זענען געקומען 120 דעלעגאטען פון 30 לענדער.

די ערעפנונגס-רעדע האט געהאלטען דער פארזיצער פון יודישען אמעריקאנישען קאנגרעס בערנארד דויטש. אין זיין רעדע האט ער זיך געוויער אפגעשטעלט אויף דער לאגע פון אמעריקאנער יודענטום און האט פארענדיגט דערמיט, אז די יודען פון אלע לענדער דארפען אנשטרענגען זייערע כחות, כדי ארויסצוהעלפען פון די נויטען דאס יודענטום אויף דער גאנצער וועלט.

נאך א רייה בעגריסונגען האט געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען די צילען און אויפגאבען פון דער יודישער וועלט-קאנפערענץ ד״ר סטיפען וויין.

אין דער קאנפערענץ בעטייליגען זיך פיל אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציעס ווי אויך מעהרערע בעריהמטע פערזענליכקייטען ווי פראפ. לאפאר א. א.

ג ע נ ף, 14 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

צו דער יודישער וועלט-קאנפערענץ זענען אנגעקומען טעלעגראפישע בעגריסונגען פון סענאטאר באראה, פראפ. אלבערט איינשטיין, ד״ר אמענדע א. א.

ד״ר גאלדמאן האט רעפערירט וועגען די הכנות צו דער קאנפערענץ און האט פאלעמיזירט מיט א רייה פאררעדנער.

אין זיין גרויסער רעדע האט ד״ר סטיפען וויין בעטאנט די אונבעשטרייטבארע רעכט פון יודישען פאלק צו זעלבסטבעשטימונג און האט אונטערגעשטראכען, אז דאס אידעאליזירען ישראל׳ס יושר און זיין גלויבען אין גערעכטיגקייט איז אומדערשיטערליך.

בעריהרענדיג די כוואליע פון אנטיסעמיטיזם וואס טראגט זיך אריבער די לעצטע צייטען איבער אייראפא, זאגט ד״ר סטיפען וויין, אז מען דארף נישט אידענטיפיצירען קוזא מיט רומעניען. אויך דער היטלעריזם איז נישט דאס לעצטע ווארט פון דייטשען פאלק.

די יודישע וועלט-קאנפערענץ מוז בעשליסען צי דער געפלאנטער יודישער וועלט-קאנגרעס וועט זיך בעשעפטיגען מיט דער ארץ-ישראל-פראגע, אדער ער וועט זיך בעגרעניצען בלויז מיט׳ן בעטראכטען ז די גלות-פראגע.

רעדענדיג וועגען ציוניזם האט ד״ר וויין בעטאנט, אז הערצל איז די פערקערפערונג פון העכסטען יודישען גייסט.

די אנטי ציוניסטען אויף דער קאנפערענץ האבען זיך אנגעשלאסען אין דער גרופע, וואס אין איהר שפיץ שטעהט ד״ר יאכעלזאן.

פראפעסאר פיקאר



צו זיין גייעם פליה אין דער סטראטאספערע.

אין ווארשא איז פארגעקומען דער אלפוילישער פייערלעשער-צוזאמענפאהר, פערבונדען מיט גרויסע פייערונגען.

אין טשענסטאכאוו איז געפייערט געווארען דער 500-טער יאהרטאג פונם טשענסטאכאווער קלויסטער. אין דער דאזיגער פייערונג האט זיך בעטייליגט א ריזיגער עולם פון אנ׳ערך 200,000 צו דער פייערליכקייט איז געקומען דער מלוכה פרעזידענט.

## 100 מענשען-קרבנות אויף קאווקאז

### מחמת דער שיכור׳ער דינערשאפט

ר י ג ע, 14 (ספ. טעל.)

אין באקו האט געטראפען א גרויסע באהן-קאטאסטראפע.

מחמת דער שלעכטער סיגנאליזאציע האט זיך א שנעלצוג צוזאמענגעשטויסען מיט א געוועהנליכען פאסאזשיר-צוג.

29 פערזאן זענען דא דער׳הרג׳עטע און 70 פערוואונדעטע.

עס זענען דעריבער ארעסטירט געווארען 5 באהן-בעאמטע, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין פראוואצירען די קאטאסטראפע.

א ספעציעלע קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט אז בעת מעשה איז דער רוב פונ׳ם באהן-פערסאנאל געוועזען שיכור.




## גאטעסדינסט פאר יודישע לעגיאָ-ניסטען אין גדיניע

### פערוואנדעלט געווארען אין א פויליש-יודישע מאניפעסטאציע

ג ד י נ י ע, 14 (יט״א טעלעגראפיש)

היינט אין דער פריה, האט דער מיליטערישער ראבינער ארגאניזירט א גאטעס-דינסט פאר די יודישע לעגיאניסטען. אין דעם גאטעס-דינסט האבען זיך בעטייליגט אלע מיטגלידער פון דער גדיניער יודישער קהלה, פארשטעהער פון מיליטער און פון דער שטאט-פערוואלטונג. די גאטעס-דינסט איז פערוואנדעלט געווארען אין א פויליש-יודישע מאניפעסטאציע.

## 3 גרויסע פייערליכקייטען אין פוילען

ו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש)

היינט זענען פארגעקומען 3 גרויסע פייערליכקייטען אין לאנד:

אין גדיניע איז, ביי דער בעטייליגונג פון אנ׳ערך 30,000 דעלעגאטען פון גאנצען לאנד, פארגעקומען די לעגיאנען-פייערונג.

גערעדט האבען: גענעראל רידז שמיגלי, פולקאווניק סלאוועק א. א.

פונם מארשאל פילסודסקי איז אנגעקומען א בעגריסונגס-טעלעגראמע.

## געוואלט פעלשען לאטעריע-צעטלען

ו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש).

די געריכטס-מאכט האט פערענדיגט די אויספארשונג וועגען די פעלשער פון מלוכה-לאטעריע-צעטלען און פון דער בוי-הלוואה.

די פעלשער-באנדע האט מיט זיך פארגעשטעלט אנ׳ארגאניזאציע, וועלע האט געהאט בדעה דורך פעלשונגען ארויסצוקריגען הויפט-געווינסען פון דער מלוכה-לאטעריע און די פרעמיעס פון דער בוי-הלוואה.

די ערשטע פעלשונגען האבען געזאלט געמאכט ווערען בלויז „אויף פראבע".

א דאנק געהיימע מיטטיילונגען איז די באנדע ליקווידירט געווארען, נאך איידער זי איז רעכט צוגעטראטען צו דער ארבייט.

אין דער טורמע זיצען איצט די בעשולדיגטע: משארנעצקי, לייפציגער און ראט.

די איבריגע בעשולדיגטע געפינען זיך אויף דער פריי — אויף קויציע.

## פוילישע פראיעקטען פון עפענטליכע ארבייטען

ו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש)

דעם 7 סעפטעמבער וועט זיך אין גענף אנהויבען די זיצונג פון דער דריטער סעסיע פונ׳ם קאמיטעט פאר עפענטליכע ארבייטען ביי דער פעלקער-ליגע.

די דאזיגע זיצונג וועט דויערען 3-4 טעג.

עס וועלען צוו. אנד. ארומגערעדט ווערען א רייה פוילישע פראיעקטען וועגען אינוועסטיציעס אין גרויסע שטעט, וועגען עלעקטריפיקאציע פון מערב-פוילען א. א. וו.

Srarszy Felczer

I. Bregman

צוריקגעקעהרט

28 קעלמא 28, טעל. 240-43

4844

